יהודה ש

מעשהלאך

105

פארלאג
„בלומען"
ווארשע.

יהודה שטיינבערג

מעשה'לעך

יודיש: ב. עפּעלבוים.

פארלאג „בלומען.“

1921 װארשע

זעצעריי ש. רעדליך װארשע נאװאליפּיע 69

Druk. Piment Szerakowska 4

צווישנגעזוכן אין הויזן. איז ער אַרויסגעגאַנגען און
צום ערשטן מאָל דערזען זײַן גרויסן חורבן, אַז עס
איז קיין זכר נישט געבליבן פֿון זײַן גרויס, שיין
הויז, מיט וועלכן ער האָט אַזוי שטאָלצירט. ס'איז
גאָר נישט געבליבן פֿון זײַנע טײַערע מעבלען און
טײַער מעבל, פֿון אַלץ-אַלץ איז אַש געוואָרן! און
טאָמער איז נאָך ווייניק — האָט ער דערזען, אַז פֿון
דער מיל איז אויך קיין זכר נישט געבליבן. און
די שכנים האָבן אים דערציילט, אַז ווען ער איז
קראַנק געלעגן, האָט זיך דער טײַך פּלוצלינג צו-
שפּילט און דאָס וואַסער האָט פֿאַרפֿליצט די מיל
און אַלץ וואָס אין דער מיל, און ווײַל זי האָבן
זיך געמאַטערט עפּעס אַרויסצוראַטעווען פֿון מיל —
איז געווען אומזיסט.

דעם גאַנצן טאָג איז שמואל געזעסן אויף די
בערגער אַש-און ביטער געוויינט.

און ווי איז אין אים ענטפֿאַלן דאָס האַרץ,
ווען עס איז צו אים פֿאַרנאַכט צוגעגאַנגען זײַן שכן
אַברהם און האָט אים דערלאַנגט אַ סומע געלט,
וואָס ער האָט צוריקגעצאָלט פֿאַר זײַנעט ווען
צווייען די פּישער אין באַקאַנטע אין שטאָט, ער וו-

האָבן אויך אויסצובויען צוריק זײַן הויז און אויפסנײַ אױפֿקשטעלן די מיל!

— מען קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן און אַנט־לויפֿן פֿון אומגליק — האָט אים אברהם אויסגערעדט מיט ליבע, זעענדיק, ווי ער איז שטאַרק דערשלאָגן און איבערראַשט. — הײַנט האָט דיך געטראָפֿן דאָס אומגליק, ווער־ווײסט ווײסט, אפֿשר מאָרגן וועט מיך נישט טרעפֿן דאָס זעלבע? הײַנט דאַרפֿן מיר דיר העלפֿן און מאָרגן, אפֿשר מיר וועלן צו דעם אָנקו־מען — וועסטו אונז העלפֿן. אַ סך אומגליקן פּאַ־סירן מיט דעם מענטשן פֿאַר זײַן לעבן: ווער עס קומט אום אין פֿײַער און ווער — אין וואַסער... און מיר, מיר זענען דאָך פֿישער! אַלע האַלטן מיר שטענדיק מלחמה מיט די כוואַליעס, און ווער נאָך איז אַזוי נאָענט צום אומגליק, ווי אַ פֿישער?

און שמואלן האָט זיך אויך איצט אויסגע־דאַכט, אַז זײַן שכן רעדט אומישנע פֿון די כוואַ־ליעס, כּדי ער זאָל אים דערמאָנען זײַן זינד און זיך נוקם־זײַן אין אים.

דאָ איז שוין פֿול געוואָרן דאָס מעסטל. מער האָט דער אומגליקליכער, וואָס האָט זיך אַזוי גרויס

געהאַלטן, נישט געקאָנט איבערטראָגן.

— איך הײם אויף װעמען און אויף װאָס דו גיסט מיר אָנצוהערן—האָט דער אומגליקליכער געענטפערט מיט גרוים צאָרן — יאָ, איך האָב נישט געװאָלט ראַטעװען דײַן יונגל, װען ער האָט זיך געטרינקען אין טײַך... אויך מאָרגן, אויב איך װעל זען, װי איר אַלע טרינקט זיך אין טײַך, װעל איך אײַך נישט ראַטעװען. נידעריקע, געמײנע, װאָס איר װענט! איך דאַרף נישט אײַערע נדבות !—

און ער האָט זײ דאָס געלט צוריק אין פּנים געהאָרפן, איז אַװעק פון דאָרט מיט צאָרן און האָט זיך שוין קײנמאָל אַהין נישט צוריקגעקערט. און ביזן הײַניקן טאָג װײסט מען נישט, װאו ער איז אַהינגעקומען.

אַהרעלע־נאַרעלע.

בײַ אײן פֿאָטער איז אַמאָל געװען דרײַ זין, צװײ קלוגע, און דאָרט װאו צװײ זענען קלוג, מוז דאָך דער דריטער זײַן אַ נאַר. האָט אים טאַקע איטליכער גערופֿן אַהרעלע־נאַרעלע. און אַז עמ׳צער האָט אים אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס און געפֿרעגט:

—װי הײסטו, יונגעלע?

פֿלעגט ער גלײַך ענטפֿערן:

—אַהרעלע־נאַרעלע הײס איך.

אײנמאָל זענען אַלע דרײַ ברידער אַרויסגעגאַנגען אין פֿעלד אַרײַן; װי זײ טון אַ קוק, שפּרינגט אַרויס אַ האָז פֿון צװישן די בערג און שלאָגט זי

איבער דעם וועג. דערשרעקט זיך דער האָז און אַנטלויפט פאַר די ברידער, דערשרעקן זיך די ברי־דער און אַנטלויפן פאַרן האָז, נאָר אַהרעלע־נאַ־רעלע איז געבליבן שטיין און צו זיך אַזוי גע־זאָגט:

— אַז דער האָז אַנטלויפט פאַר אונז, איז עס נישט קיין בייזע חיה, איז נישטאָ וואָס צו אַנט־לויפן פאַר איר.

און האָט זיך מאַכע באַלד גענומען נאָכיאָגן דעם האָז.

—א נאַרעלע, אַ נאַרעלע און זאָגט פאָרט אַמאָל אַ גלייכע זאַך — טראַכטן זיך די ברידער און האָבן זיך אויך געלאָזט לויפן נאָכן האָז.

און דער האָז — טאָל אַראָפּ, באַרג אַרויף, באַרג־אויף טאָל־אָפּ, ביז ער איז אַריין אין וואַלד, וואַלד־אוים וואַלד־איין, ביז ער איז פאַרשוווּנדן גע־וואָרן.

האָבן זיך די ברידער אַרומגעקוקט — נישטאָ פאַר זיי קיין וועג.

—מיר בלאָנדזשען! האָט דער עלטערער אוים־געשריגן.

— יאָ, — האָבן אַלע מודה געווען, — און ווער איז אין דעם שולדיק? אַלץ אַהרעלע נאַרעלע, דאָס האָט ער זיך גענומען יאָגן נאָך דעם האָז. — און ביידע האָבן זיך געוואָרפן אויף אים מיט די פויסטן.

נאָר אַהרעלע נאַרעלע האָט זיך פאַרקוקט צווישן די ביימער און האָט דערזען, ווי אַ הונט לויפט מיט אַ פאַריסענעם עק, טראָגט זיך האַסטיק אין איין אָטעם.

— ברידער! — האָט אַהרעלע נאַרעלע זיך צו זיי געווענדעט — לויט דעם פאַריסענעם עק, ווייזט אויס, אַז דער הונט האָט אַ בעל-הבית מיט אַהיים און ער לויפט געוויס אַהיים. לאָמיר זיך לאָזן נאָך אים, וועט ער אונז ברענגען צו אַ ישוב.

— אַ נאַר, אַ נאַר און זאָגט פאָרט אַמאָל אַ גוט וואָרט — האָבן זיי ווידער געטראַכט. נאָר זיי האָבן זיך נישט געאיילט אַזוי גיך צו פאָלגן זיין עצה, ביז דער הונט איז דערווייל אַוועק פון די אויגן, און די ברידער האָבן ווייטער געבלאָנדזשעט.

האָבן זיי אַזוי געבלאָנדזשעט, געבלאָנדזשעט

טאָל־אַראָפּ, באַרג־אַרויף, וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס, איבער טײַכן, איבער בערגער. אין הונגער, קעלט און נעץ האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצן חודש און אויף איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט באַרג אַראָפּ און זענען געקומען פאַר אַ גרויסער, שענער שטאָט, וואו דערבער איבער רע־כער דערהייבן זיך, קוימענס איבער קוימענס שטרעקן צום הימל, און שענע אַלבאַסטערנע טראָ־טואַרן און גלאַנציקע וועגן פּײַן אין קרומע פאַר־קײַלעכדיקטע גאַסן. נאָר דער וועג אין שטאָט אַרײַן איז פאַרשטעלט מיט צוויי גרויסע פּאַלאַצן, וועלכע מען קען נישט אויסמײַדן אויף צו קומען אין שטאָט. אויף איין הויז איז אָנגעשריבן: „פּאַלאַץ פאַר נאַ־ראָנים", און אויפן צווייטן: „פּאַלאַץ פאַר קלוגע." און קיינער האָט נישט געקאָנט אַרײַנגיין אין שטאָט, ביז ער האָט פריער געגעסן מיטאָג אין איינעם פון די פּאַלאַצן.

די ברידער האָבן קיין סך נישט געטראַכט און זענען אַרײַנגעגאַנגען אין „פּאַלאַץ פאַר קלוגע", ווײַל זיי האָבן זיך פאַר חכמים געהאַלטן, און אַזעלכע האָט זיך אַזוי געטראַכט:

איך בין דאָך אַ נאַר, לאָמיך גיין צווישן די נאַראָנים.

אַזוי ווי די קלוגע ברידער האָבן זיך קוים אַרײַנגעשטופּט אין דעם פּאַלאַץ פאַר די קלוגע, האָבן זיי נישט געפונען קיין אָרט וואו זיך צו זעצן, זענען זיי געשטאַנען היבשע שעה׳ן און זיך געבאָרן אין אײַגענעם שווייס, ווײַל ווער ס׳איז פאַרבײַגעגאַנגען האָט זיך אַפּנים גערעכנט פאַר א קלוגן, זענען געווען דעריבער מער געסט ווי בענקלעך, וואָס מען האָט אָנגעגרייט, מער מײַלער ווי לעפל און גאָפּל, מער עסערס ווי עסן, וואָס מען האָט געקאָנט אָנגרייטן — עס האָט קיין לופט נישט געקלעקט.

און אהרעלע־נאַרעלע איז געווען איינער אליין אין זײַן פּאַלאַץ, איינער אויף אַ גאַנצע קיך מיט מעדני מלכים, ווײַל חוץ אים און חוץ די משרתים, וואָס האָבן אים באַדינט, איז דאָרט קיינער נישט געווען.

האָט ער געגעסן צו דער זעט, און דערנאָך אַרויסגעקוקט אין דרויסן, טרעפט ער די ברידער בייזע. פרעגט ער זיי :

— וואָס איז מיט אײַך, חכמים מײַנע?

—סטײַטש, מיר לײַדן דאָך הונגער — ענטפֿערן זײ — אָט אַן עוות פֿון גבירים, גרייטן אָן אַ סעודה פֿאַר קלוגע און אפֿילו קײן אײן אָרט איז נישטאָ צו זיצן.

—אַז איר הילט, קומט אַרײַן צו מיר — בעט זײ אַהרעלע נאַרעלע — בײַ מיר איז פֿאַרהאַן עסן נישט צו פֿאַרזינדיקן, נאָר קײן נעמט זע־נען נישטאָ. אַפּנים, דאָ איז אַ לאַנד פֿון בלויז הכמים.

—עט,—זאָגט דער עלטערער ברודער—לאָמיר שוין וואַרטן אויף מאָרגן, אפשר וועלן די געסט זיך אַרומזען, אַז זײ זענען נישט קײן קלוגע, וועלן זײ דעם זאַל פֿאַרלאָזן, וועלן מיר האָבן וואָס צו עסן.

נאָר אַזוי האָט אָבער געטראַכט יעדער אײנ־ציקער פֿון די געסט. אַלע האָבן געוואַרט אויף מאָרגן און איבערמאָרגן, און אַלע זענען געבליבן הונגעריק.

ביז די ברידער האָבן זיך אַ לאָז געטון פֿלאַמ־פֿײַער אין שטאָט אַרײַן, און האָבן אָפּגעשטעלט

דעם ערשטן, וואָס זיי האָבן באַגעגנט:

—זאָגט נאָר, ווער איז עס דער גרויסער מאַן, וואָס האָט אײנגעראָרן חכמים אויף אַ סעודה און קיין עסן נישט צוגעגרייט?

—אָט הערט, וואָס דאָ איז געשען—האָט זיי יענער פּאַמעליך געענטפערט — אונזער שטאָט דאַרפט איר וויסן, איז אַ קייזערליכע שטאָט. דער קייזער איז זער אַ גוטער און אַ טאָכטער האָט ער — שען און פרום, ווי די לבנה אין סוף חודש נאָר איין שלעכטע מדה האָט זי—זי איז זער אַ נייַגעריקע, וואו ערגעץ אַן אָפן פענסטער — מוז זי אַרייַנקוקן, וואו ערגעץ צוויי סודען זיך — מוז זי זיך אונטערהערן.

האָט איינמאָל געטראָפן, זי איז פאַרבייַגעגאַנגען דאָס פענסטער, וואו ס'האָט געוואוינט אַ הייליקער מאַן. דאָס פענסטער איז געווען אָפן, און דער הייליקער מאַן האָט פונקט פאַרגלייזט די אויגן צו גאָט. האָט זי זיך צולאַכט. איר געלעכטער האָט אים זייַן תפילה צומישט. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, זי געזען און געשאָלטן:

—פון הייַנט אָן, וואו זי וועט קוקן נאָר אויף א

מענטשן, זאָל זי זען װאָס בײַ דעם מענטשן אין האַרצן טוט זיך. און אַז זי װעט הערן אַ קול פֿון אַ מענטשן—זאָל זי יענעמס געדאַנקען הערן.

אַזױ װי דעם קײסערס טאָכטער איז אַהײם געקומען, זענען איר, װי דער שטײגער איז, אַ קעגן געלאָפֿן אירע דינערנס און הױז־מײדלעך, און איר אָפּגעזונגען אַ ליבע־ליד.

נאָר דעם קײסערס טאָכטער האָט געהערט, װי זײ טראַכטן: װעלכער רוח האָט דיך אַזױ גיך אָנ־געטראָגן, װען װעסטו שױן אַמאָל קראַנק װערן אױף אַ חודש און מיר װעלן האָבן מנוחה.

כאַפּט די קײסערליכע טאָכטער דעם זילבער־נעם פֿעכער און טרײַבט זײ אַרױס פֿון זיך.

דער קײסער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט זײַן גרעסטן מיניסטער געװאָר צו װערן, װאָס מיט דער טאָכטער איז דאָרט געשען.

איז דער מיניסטער געקומען פֿאַרן קײסערס טאָכטער און האָט איר באַגריסט.

נאָר זי האָט געהערט זײַנע געדאַנקען, און גע־טראַכט האָט ער: װען װעט שױן מײַן קראַנק מאַגט

הײַב שטאַרבן װעל איך בעטן דעם קײזער, ער זאָל מיר געבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ װײַב.

—אַך, דו פֿאַלשער מאַן! — האָט זי אױף אים זיך צושריגן—דו בעטסט דעם טױט אױף דײַן אײגן װײַב. אַרױס פֿון דאַנען!

איז דער מיניסטער אַנטלאָפֿן װי אַ פֿאַרסמ־טער, געקומען צום קײזער און זאָגט צו אים:

—מײַן גענעדיגער קײזער, גישט אַנדערש נאָר דײַן טאָכטער איז קראַנק, עפּעס רעדט זי אַזעלכע װערטער, נישט צום איבערדערצײלן.

קומט צוגײן דער קײזער אַלײן צװאַמען מיט זײַן אַדיוטאַנט, הערט זי, די טאָכטער, װי דער אַד־יוטאַנט טראַכט:

—װען איך טרעף דיך אַלײן, מאַך איך דיר כּיק און נעם אַראָפּ דײַנע פּערל פֿון האַלז, דאַן װאָלט איך זײ פֿאַרקױפֿט און מײַנע חובֿות באַ־צאָלט.

—אַך, דו רוצח! הרגענען װילסטו מיך?!—האָט זיך צושריגן דעם קײזערס טאָכטער — נעם דעם װעג פֿון דאַנען, רשע!

איז דער קײזער דערשראָקן געװאָרן, איז דער

אדיוטאנט דערציטערט געוואָרן.

— וואָס איז געשען מיט דיר, טאָכטערשי ?—
האָט דער קיזער זיך צעווײנט—פאַרוואָס פאַרשעמ־
סטו אזעלכע הויכגעשטעלטע לײט ?! וואָס רעדסטו
עפּעס נאַרישקײטן ?

האָט די קיזערן דערהערט דאָס געהײן, איז
זי מיט אירע יונגפרויען אַרײנגעקומען צו דער טאָכ־
טער אין צימער.

האָט דעם קיזערס טאָכטער דערזען די יונג־
פרויען, האָט זי געהערט, ווי יעדע אײנע פון זי
טראַכט :

—די נאַרישע, כאָטש זי איז דעם קיזערס טאָכ־
טער, דאָך איז זי אַ מיאוסע, מײַן קלענסטער נאָגל
איז שענער פאַר איר געמאָלעוועט פּנים.

—אַ ליגן זאָגסטו !—האָט פּלוצלינג אױסגערופן
דעם קיזערס טאָכטער—די פּאָרעשוועע פון מײַן שיכל
איז שענער פאַר דײַן שטערן.

און אַ צווײטע האָט געטראַכט:

—הלואי דײַנע צײן זאָלן דיר אויספאַלן אין
מײל, יעדער צאָן זאָל זיך אָן אַרשן די לענג און

זאָלסט זיך נישט אַזוי גרזים האַלטן מיט דײַן שענ־
קײט.

איז דעם קײזערס טאָכטער בײז געװאָרן און
האָט די יונגפרויען אַרויסגעיאָגט.

איז דערשראָקן געװאָרן אויך די קײזערין און
זיך ביטער צעװײנט. האָט געװײנט דער קײזער,
האָבן געװײנט די שרים—האָט מען געבראַכט דאָק־
טוירים פון גאָר דער װעלט. און אַלע האָבן גע־
זאָגט, אַז דאָס איז אַ געפעהרליכע קראַנקהײט: זי װעט
אין הערט די געדאַנקען פון מענטשן און ס'איז קײן
שום רפואה נישטאָ צו דער קראַנקהײט.

און מער פון אַלעמען האָט געװײנט דעם קײ־
זערס טאָכטער אַלײן, װײַל זי האָט מיטאַמאָל דער־
זען ס'אַר אַ סך שונאים זי פאַרמאָגט און האָט
שטענדיק געהערט, װי מען זידלט איר.

איז דעמאָלט די אומגליקליכע אַװעק צום הײ־
ליקן מאַן, האָט געװײנט און געבעטן פאַר אים, ער
זאָל איר שענקען אירע זינד. ער זאָל פאַרשליסן
אירע אויגן און פאַרמאַכן אירע אויערן, װעלכע ער
האָט געעפנט, און זאָל איר צוריקקערן די אויגן
און אויערן, װאָס זי האָט פריער געהאַט.

נאָר דער הײליקער מאַן האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ פאַר איר קײן אַנדערע רפואה, נאָר זי זאָל חתונה האָבן פאַר אַ נאַר װעלכער װײסט, אַז ער איז אַ נאַר. און אַנערקענט זײַן נאַרישקײט.

און דעריבער גרײט דעם קײזערס טאָכטער צו אַלע טאָג צװײ סעודות אין די צװײ פּאַלאַצן „פּאַלאַץ פאַר נאַראָנים" און „פּאַלאַץ פאַר קלוגע" און זי האָפט, אַז עס װעט קומען צװישן די געסט אײן נאַר, האָס װײסט, אַז ער איז אַ נאַר און אַנער־קענט עס. נאָר ביז הײַנט האָט נאָך קײנער נישט איבערגעטרעטן די שװעל פון „פּאַלאַץ פאַר נאַראָ־נים". נאָר דער „פּאַלאַץ פאַר קלוגע" איז שטענ־דיק פול פון געסט.

האָבן עס די ברידער געהערט און יעדער אײ־נער האָט זיך געטראַכט:

—איך װעל גײן צום קײזערס טאָכטער און װעל איר זאָגן, אַז איך בין דאָס דער נאַר, װאָס אַנער־קענט זײַן נאַרישקײט, װעל מיט איר חתונה האָבן און װערן דעם קײזערס אײדעם.

איז ראובן גע צוגאַנגען צום פּאַלאַץ, װאו ס׳האָט געװאױנט דעם קײזערס טאָכטער, און פאַר דעם

ברודער האָט ער עס נישט אויסגעזאָגט.

נאָר אויך דער אַנדערער ברודער, שאול, האָט זיך געפרייט, וואָס דער ברודער האָט זיך פון אים אָפּגעטשעפּעט און אים אַליין געלאָזט, כדי ער זאָל קאָנען אַליין גיין צום קיזערס טאָכטער — און ער איז אויך אַהין אַוועק.

אין קייזערליכן הויף האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט, און זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן מיט כעס.

—איידעלע קייזערליכע טאָכטער!—האָט ראובן געזאָגט — איך בין דאָס דער נאַר, וואָס אַנערקענט שטאַרק זיין נאַרישקייט, און בין גרייט דערויף מודה צו זיין פאַר אַלעמען אין די אויגן.

—אַ ליגן — האָט שאול אויסגעשריען — איך בין נאָר דער נאַר, דער גרעסטער נאַר צווישן אַלע נאַראָנים! אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ מיין גלייכן! און דער דאָזיקער, מיין ברודער — איז אַ גרויסער חכם.

אזוי ווי זיי ביידע שפּאַרן זיך, דער זאָגט: איך בין דער נאַר, און דער זאָגט: איך בין דער נאַר—האָט דעם קייזערס טאָכטער אַריינגעקוקט

אין ווייטערע הערצער, האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:
„אמת, אַז איר ווענט ביידע נאַראָנים, אפשר טאַקע די גרעסטע צווישן אַלע נאַראָנים, נאָר איר הייסט עס נישט, גייט פון דאַנען!"

ווי זיי גייען אַרויס פון פּאַלאַץ — און איינער פון די משרתים פירט אהרעלע־נאַרעלען צו דער קיניגליכער טאָכטער.

האָט אים די קיניגליכע טאָכטער געזען דורכן פענסטער פון איר צימער — איז ער איר געפעלן, האָט זי אַ טראַכט געטון: „הלואי ער זאָל זיין דער, וואָס איז מודה אויף זיין נאַרישקייט"!

איז זי אַרויס אים אַקעגן.

דער משרת האָט זיך געבוקט און געזאָגט:

—איידעלע, קיניגליכע טאָכטער! דער יונגער־מאַן האָט געגעסן היינט און נעכטן אין „פּאַלאַץ פאַר נאַראָנים" דאָס איז דער איינציקער גאַסט, דער ערשטער און דער לעצטער, וואָס איז צו אונז אַריינגעקומען פאַר דער גאַנצער צייט. האָב איך אים געפרעגט, ווי ער הייסט, האָט ער געזאָגט:

— איך הייס, אהרעלע־נאַרעלע.

—ווי רופט מען דיך, יונגערמאַן?—האָט די קי־

װערליבע טאָכטער געטרעטן בײַ אַהרעלען.

— מיך רופֿט מען: אַהרעלע־נאַרעלע. אַזוי רופֿן מיר אויך די ברידער מײַנע, װעלכע שטײען דאָ בײַם טויער. געװיס בין איך אַ נאַר: „זײ װײסן װאָס זײ זאָגן, זײ זײַנען דאָך חכמים.“

האָט די קיװערליבע טאָכטער אים אַרײַנגע־קוקט אין האַרצן, און זיך צוגעהערט צו זײַנע גע־דאַנקען און געפֿונען, אַז דאָס װאָס ער רעדט, דאָס ז ער.

האָט זיך די קיװערליבע טאָכטער שטאַרק דערפֿרײט מיט אים. האָט זי געשיקט אָנזאָגן דעם פֿאָטער די בשׂורה, אַז זי האָט געפֿונען דעם נאַר, װאָס איז מודה, אַז ער איז אַ נאַר און מיט אים װעט זי חתונה האָבן.

האָט אַהרעלע חתונה געהאַט מיט דעם קי־װערס טאָכטער, און נאָך דער חתונה איז זי אויס־געהײלט געװאָרן פֿון איר קראַנקײט: זי האָט צוריק אָנגעהויבן זען און הערן, װי אַלע מענטשן, און שױן מער נישט געהערט די געדאַנקען פֿון די מענטשן.

דאַן האָט זיך אַהרעלע, דעם קיװערס אײדעם, דערװאוסט, אַז די ברידער האָבן אים בײַ הינט גע־

נארישע, הופֿנדיק אױס; נאר, װײל ער איז נאך קײן
נאר נישט, נאר דעם קײסערס אײגענע, און די װעלט
נישט קײן קלוגע נאר די גרעסטע נאראנים פֿון
אלע נאראנים, האט געמאכט זיך אױף דער גרױ־
סער װעלט. װי זי אלײן האבן אױף דעם מיט
געזעצן פֿאר דעם קײסערס טאכטער.

דורכן
בעל,